

# רבי אביגדור אנטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די באריםטע ליל שישי שיעורים

פ' ואתחנן
תשפ"א לפ"ק
גליון קע"ט

## פראגע

### פארוואס אין אן אראנדזש פון אינעווייניג אפגעטיילט אין עקסטערע שיכטן?

## ענטפער:

די אראנדזש האט דער אויבערשטער צעטיילט אין שיכטן כדי ס'זאל נישט חרוב גיין ווען מען עפנט עס אויף. אויב די אראנדזש וואלט געווען איין גרויסע שטיקל וואלט די גאנצע זאפט ארויסגערינען תיכף ווען מען וואלט אריינגעביסן דערין. אבער יעצט אז יעדע שטיקל איז עקסטער פארפאקט אין א זעקל, קענסטו נעמען איין חלק אויפאמאל און אריינבייסן דערין, און לאזן די זאפט אראפטראפן אויף דיינע ליפן, וויסנדיג אז עס ערווארט דיר באלד א פרישע זעקל. יעדע איינס איז אפגעטיילט פון די אנדערע און עקסטער פארפאקט.

יעצט קענט איר פרעגן: פארוואס זענען נישט אנדערע פרוכט אויך אזוי? איז אזוי: אין פאל פון אן עפל דארף מען עס נישט האבן, ווייל די זאפט איז נישט אין א מצב פון פליסן; ווען מען בייסט אריין אין אן עפל קען אמאל אראפטראפן א קליין ביסל סירופ, אבער געווענליך איז עס נישט קיין סך.

צווייטנס, ס'איז דא נאך א סיבה פארוואס פרוכטן האבן פארשידענע ערליי פארמען. ווייל יעדע איינע איז געמאכט צו **ציין אונזער אויפמערקזאמקייט** אויף אן אנדערע וועג.

איך האב שוין אמאל גערעדט דערוועגן; דאס איז די סיבה פארוואס עס זענען דא ווייסע רויזן, רויטע רויזן, פינקע און געלע. ווען א מענטש פרעגן, פארוואס זענען נישט אלע רויזן רויט? דער ענטפער איז, אויב אלעס וועט זיין די זעלבע וועט איר אויפהערן צו קוקן דערויף. אבער ווייבאלד זיי זענען אזוי אנדערש אין קאלירן, אויב וועט איר פארפאסן זיך צו מתבונן זיין אין איינס, אויב די מח האט געוואנדערט ווען איר זענט אריבערגעגאנגען די רויטע רויזן ביימעלעך, אפשר וועט איר ווערן צוגעצויגן צו טראכטן וועגן די געלע רויזן ביימעלעך. און אויב האט איר פארפאסט אויך די געלע, אפשר ביי די פינקע וועט עס כאפן אייערע אויגן.

וועגן דעם איז דא פארשידענע סארטן פרוכטן און פארשידענע סארטן טעמים. אויב ווען איר האט געגעסן אן עפל האט איר זיך נישט מתבונן געווען דערין; איר האט פארפאסט א געלעגנהייט הנאה צו האבן פונעם עפל און באוואונדערן די נפלאות הבורא, אפשר ווען איר וועט עסן אן אראנדזש וועט עס שוין יא כאפן אייער מחשבה. ווייל נאך אלעס איז דאך דאס די **הויפט מטרה** פון אן אראנדזש, אייך צו מאכן טראכטן וועגן דעם בורא.

לאמיר זאגן איר האט געגעסן דעם אראנדזש אויך אן מחשבה, קומט יעצט צו גיין דער באַר. אן אנדערע טעם; אפשר דאס וועט אייך אויפוועקן. דער אויבערשטער פרובירט זיין בעסטע. ער נוצט אלע סארט מעטאדן אייך צו מאכן טראכטן און וועגן דעם איז דא אזויפיל פארשידענע ערליי זאכן אויף דער וועלט. (# 163)

## פראגע

### וואס זאל א פרוי טון אויב זי האט תרעומות קעגן איר מאן?

## ענטפער:

די ערשטע זאך זאל זי נעמען א פאפיר און עס אראפשרייבן. דערנאך זאל זי נעמען די פאפיר און עס צערייסן אויף שטיקער... ווייל אין רוב פעלער זענען די טענות נישט גילטיג. און די זעלבע איז מיט א מאן וואס האט באקלאגעניש. אין רוב פעלער איז עס א זינד פארן נישט מקיים זיין דעם יסוד פון **שמח בחלקו**, פון זיין פרייליך מיט די אייגענע חלק. אויב זענט איר גענוג גליקליך צו זיין חתונה געהאט, דארפט איר עס וויסן צו שעצן.

עס איז א טראגעדיע פון טראגעדיעס ווען מענטשן קוקן צוריק נאכן זיך גט'ן און פרובירן צו בארעכטיגן זייער שלעכטע אויפפירונג איינער צום צווייטן. ער זאגט אז זי איז נישט געווען גוט און זי זאגט ער איז נישט געווען גוט, און דער אמת איז אז ס'האט פשוט געפעלט שמח בחלקו.

ווען איר האט חתונה מאכט אפ ביי אייך אז איר וועט ארויסנעמען די מערסטע גליקליכקייט וואס מעגליך פון אט דעם חתונה-געהאטע לעבן. יעצט "מערסטע גליקליכקייט" מיינט נישט ארומרייזן אדער טון זאכן. נאר פשוט **זיין חתונה-געהאט**; דאס איז פון

וואס מיר רעדן! שעצן דעם פאקט אז איר האט א מאן. אודאי, ער דארף זיין א מאן וואס ארבעט. אויב איז ער א לײדיגײער וואלט איר נישט געדארפט חתונה האבן צו אים. אבער אויב איז ער א מענטש וואס ארבעט און זי איז א פרוי וואס איז וויליג צו טון אירע שטוב-אויפגאבעס, זאלט איר זיין זייער פרייליך מיט אייער איסוואל.

דא איז א מענטש וואס איז חתונה געהאט און ער רופט מיר כסדר אויפ'ן טעלעפאן. ער וויל זיך איבערטראכטן – "האב איך געטון א גוטע שידוך?" פרעגט ער מיר. וואס איז שלעכט מיט זיין ווייב? גארנישט! אבער ער טראכט אגאנצן צייט, אפשר וואלט איך געקענט באקומען עפעס בעסער.

יעצט דער מענטש לעבט זייער א זינדיגע סארט לעבן. ער וואלט געדארפט פארברענגען זיין צייט איבערצוטראכטן ווי גליקליך ער איז! זיין ווייב איז נארמאל! איר ווייסט, עס געשעט צומאל אז א מענטש האט חתונה און געפונט נאכדעם אויס אז זיין ווייב האט אן ערנסטע קרענק ר"ל. איך קען א מענטש וואס האט חתונה געהאט און נאכדעם אנטדעקט אז זי האט אפילעפסיע. מען קען לעבן מיט אזא מענטש, אבער ער וואלט געוואן בעסער אן דעם.

אויב אייער ווייב איז נישט אפילעפטיק, אויב אייער ווייב איז נישט נערוון-קראנק, און זי פונקציאנירט, זענט איר א גליקליכער מענטש. אויב זי טוט איר שטוב-ארבעט זאלט איר זיין פרייליך. אויב אייער מאן גייט ארויס צו דער ארבעט, אויב ער פונקציאנירט, איז עס א גרויסע גליקליכקייט פאר א ווייב. און יעדע באקלאגעניש פון דאס אדער יענץ איז גארנישט חוץ א חסרון פון הכרת הטוב – עס מיינט אז עס פעלט אין די מדה פון שמח בחלקו.

## פראגע

**איז אמת אז תענוגים און הנאות וואס מען האט אויף דער וועלט נעמט אוועק פון די שכר פון עולם הבא? און אויב יא, פון וואספארא סארט תענוגים רעדט מען?**

## ענטפער:

עס ווענד זיך. אויב ס'איז אן איסור'דיגע הנאה – אודאי ווערט עס אראפגערעכנט. אבער אויב ס'איז א תענוג וואס מען באקומט פון טון א מצוה, נישט. אדרבה, **מען וועט באקומען שכר** פאר די הנאה וואס מען האט געהאט פון א מצוה.

"כל המענג את השבת" – איינער וואס מאכט דעם שבת א טאג פון עונג, וועט באקומען שכר דערויף. אויב מען זעצט זיך אראפ ביים שבת-טיש און מען טראכט, "איך עס לכבוד שבת, אפצוצייכענען אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט יש מאין. איך עס לכבוד עולם חסד יבנה, זיך צו דערמאנען אז השי"ת האט געמאכט די וועלט צו טון חסד. איך האב הנאה פון די עסן לכבוד ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם – אז דער אויבערשטער האט אויסגעוועלט דעם טאג פאר א צייכן, א בונד צווישן אים און אונז" – אויב מען טראכט די מחשבות, דו האסט הנאה פון די סעודה, דו ביזט זיך מחיה מיט די טשולענט, דו האסט הנאה פון די פלייש און פון אלעס, באקומסטו **מער שכר** בלויז צוליב דעם. כל המענג את השבת נותנים לו נחלה בלי מצרים!

אלע גוטע זאכן וואס מען טוט און מען האט הנאה דערפון – באקומט מען שכר דערפאר!

"ואכלת לפני ה' אלקיך" – דו זאלסט עסן די קרבנות פאר'ן אויבערשטן, "ושמחת" – און דו זאלסט זיך פרייען פאר'ן אויבערשטן! אויסדרוקליך!

וועגן דעם האט דער פרומער איד אזויפיל געלעגנהייטן צו טון מצוות מיט שמחה. עסן מצה. ס'איז א תענוג צו עסן מצה. מען האט הנאה פון לעבן מיט'ן טון מצוות. אויב האט א איד חיות פון טון מצות, זיכער וועט עס נישט אראפגערעכנט ווערן פון זיין שכר; פארקערט, ס'וועט מוסיף זיין אויף זיין חשבון.

אסאך אידן באקומען הנאה פון לערנען. תענוג פון לערנען. איר דארפט וויסן אז לערנען מיט א געשמאק איז זייער א גרויסע מצוה. "והערב נא ה' אלקינו" – בעטן מיר יעדן טאג. "מאך זיס די ווערטער פון די תורה אין אונזער מויל." אויב מען באקומט תענוג פון לערנען גמרא, אויב עס ווערט זיס און אין דיין מויל – אסאך אידן איז לערנען זייער גרעסטע געשמאק – וועט עס אראפגערעכנט ווערן פון עולם הבא? אדרבה, דו וועסט באקומען מער שכר!

אלזא, סיי אויב ס'איז א גשמיות'דיגע שמחה אדער א שמחה רוחני, אלע שמחות וואס ווערן באטראכט אלס **כדאי צו טון**, וועט זיין אויף דעם שכר אין עולם הבא; עס וועט נישט אראפגערעכנט ווערן חס ושלום.

אבער אויב א מענטש איז בשמחה ווייל ער זעט אז ביי יענעם איז געשען עפעס שלעכטס, "שמח לאיד לא ינקה" – די סארט שמחה וועט אים אפקאסטן גאר טייער. אויב ביזטו פרייליך פון א צווייטנ'ס פראבלעמען; לאמיר זאגן אז זיי קאנקורענץ האט געדארפט אפשפארן, און ער איז פרייליך, די פרייליכקייט וועט אים אפקאסטן גאר אסאך אין עולם הבא. יעדער סארט אומריכטיגע שמחה וועט זיין זייער קאסטבאר און אפגערעדט יעדע איסור'דיגע שמחה.

אבער שמחה של מצוה איז נישט קיין שום ספק אז ס'וועט נישט אראפגערעכנט ווערן אין עולם הבא. פארקערט, עס וועט צוגעבן מער שכר.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעזעטעט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973



בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עוֹנֶג שַׁבָּת
אידיש
תזריע-טהרה
נאר אידיש
עוֹנֶג שַׁבָּת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
לה"ק אידיש
$4.00
מַרְגָּנִיתִין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
נאר לשון הקודש
זמירות שבת
$1
א וואך
מועדים $3
ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב